# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת פקודי תשפ"ה שנה י | גליון מס' 575



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די דריטע בית המקדש וועט געבויט ווערן בזכות פון תפילה

**"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן"** (לח כא)

**האט געזאגט דער בעל ה'אמרי נועם':**

כלל ישראל האט זוכה געווען אז מען זאל צוריק אויפשטעלן די בית שני נאר נאך דעם וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך די עול תורה בימי אחשוורש (שבת פח א). די סיבה דערצו איז ווייל 'בית ראשון' איז חרוב געווארן בעוון ביטול תורה ווי דער פסוק זאגט (ירמיה ט יב): "ויאמר ה' על עזבם את תורתי".

דאגעגן דער בית השלישי וועט געבויט ווערן דורך וואס מען וועט זיך מתחזק זיין אין תפילה ווי דער פסוק זאגט (תהלים קב יז- יט): "כִּי בָנָה ה' צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ" און גלייך נאך דעם שטייט: "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם".

אין דער פסוק איז אויך דא א משמעות אז מען רעדט פון דער בית השלישי און נישט פון די פריערדיגע בתי מקדש ווייל עס שטייט: "תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן..." (ראה ויקרא רבה ל ג).

די בחינה איז דער פסוק מרמז אין די וואכעדיגע סדרה. די פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער : "אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן" - און דאס איז די זעלבע גימטריא ווי די ווערטער: "קול תפלה" און "פקודי" איז מלשון פקידה וגאולה.

עס איז א רמז אז היינטיגע צייטן דארף מען זיך שטארקן אין תפילה און דורך דעם וועלן מיר אנקומען צו די גאולה השלימה במהרה בימינו אמן".

דער 'אמרי נועם' פירט דארט אויס מיט שארפע ווערטער אז די נושא איז שווער און די חיזוק דערויף איז נאך שווערער און דאס זענען זיינע ווערטער: **"ועדיין השטן מרקד בינינו כי 'השמן לב העם'** (ישעיה ו י) **לבל יעוררו את עצמם להתפלל בכוונה".**

'אמרי נועם'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די שלימות פון א ברכה - א מברך מיט אן עונה

מערערע מאל האבן מיר שוין אראפגעברענגט אין אונזער גליון די ווערטער פון דער בעל הטורים (שמות לח כז) אז די מצוה פון מאה ברכות א טאג איז קעגן די מאה אדנים פון די משכן.

אין די מפרשים טרעפן מיר עטליכע מהלכים וועלכע בינדן צו די מאה ברכות צו די אדנים.

איך האב אינזינען געהאט איין מהלך, מיר לערנען אין די וואכענדיגע סדרה [כו] אז דער אדני המשכן איז געווען געמאכט פון די מחצית השקל וואס מען האט צוזאמענגענומען פון די אידן.

אלע פרעגן די קשיא פארוואס האט די תוה"ק געהייסן אז א איד זאל געבן א מחצית השקל פארוואס האט די תוה"ק נישט קובע געווען אז מען זאל געבן א גאנצע שקל. פאר אזא מצוה ווי בויען א משכן וואלט זיך געפאסט אז מען זאל געבן א גאנצער שקל.

דער אלשיך הק' אין פרשת כי תשא [ל.יג] ברענגט אראפ א שיינער געדאנק בשמו פון רבי שלמה אלקבץ דער בעל 'לכה דודי' אויף די נושא אז מיט'ן באפעלן אז מען זאל געבן א מחצית השקל האט די תוה"ק געוואלט ארויסגעבן דער געדאנק אז שלימות ביי א איד איז נאר מיט נאך א איד. יעדער איד געט א האלבע און פון צוויי האלבע ווערט א גאנצער זאך.

נאך א פלאץ וואו מען באגעגענט דער געדאנק איז ביי א ברכה. אין די פוסקים (זעה שו"ע או"ח קסז טז און אין די נושאי כלים אויפ'ן ארט) זעט מען אז די שלימות פון א ברכה איז נאר ווען א צווייטער איד ענטפערט אויף איר אמן.

דער איד קען מאכן די ברכה מיט די גרעסטע מאס כוונה און ער וועט יוצא זיין מיט דעם די חובת הברכה אבער די ברכה וועט נישט זיין בשלימות נאר ווען זיין ברכה וועט זוכה זיין צו אן אמן.

מיט דער געדאנק קען מען זאגן אז דער צושטעל פון מאה ברכות קעגן די מאה אדנים איז אויך מרמז אויף די נקודה. אזוי ווי דער שקל פאר דער בויען פון די אדנים איז געווארן בשלימות נאר ווען צוויי אידן האבן זיך פאראייניגט איז אויך די ברכה וואס איז קעגן דעם גאנץ ווען עס איז דא א 'מברך' און אן 'עונה'.

א באזונדערע חשיבות טראגט ביי מיר די אפקלאנגען פון די חשובע לייענער וועלכע רעאגירן צו די נושא פון 'אמן' און קומען ארײן דא מיט שיינע געדאנקען איבער די נושא. איינער פון זיי האט צוגעשטעלט די נושא פון ענטפערן צו א 'פאר שיך' אז אזוי ווי איין פאר שיך איז נישט ווערד איז דער זעלבער מיט א ברכה, אז ביידע אינאיינעם זענען א שלימות, דער מברך און דער וואס ענטפערט 'אמן'.

כלל ישראל קוקט ארויס אויף ישועות. מען וויל אז יעדע ישועה זאל זיין בשלימות ווי מען זאגט ביים דאווענען און מען בעט דערויף ביי תשובה אז די תשובה זאל זיין א "תשובה שלמה"; און אז די גאולה זאל זיין א "גאולה שלמה"; און אז די רפואה זאל זיין א "רפואה שלמה".

אז מען וויל זוכה זיין דערצו פעלט זיך אויס אז די ברכות וואס מיר מאכן זאל זיין בשלימות, עס זאל האבן א 'מברך' מיט איינער וואס 'ענטפערט' נאך איר.

אז די ברכות וועלן זיין בשלימות וועלן מיר זוכה זיין ממשיך צו זיין אז עס וועט מקויים ווערן ביי אונז מידה נגד מידה און מיר וועלן זוכה זיין צו שלימות'דיגע שפע ממרום.

**מיט א קריאה פון "בברכה שלימה ונאמר אמן"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

ברכות השחר כהלכה

בקול בכונה בחברותא

# — יש קונה עולמה - מיט איין אמן —

א בארימטער איש החסד איז רבי יעקב שווארץ געווען. אלע אין די שטאט האבן געוואוסט אז ווען מען דארף א טובה איז ר' יעקב דער אדרעס.

אויך ווען די קהילה איז באטראפן געווארן און א איד פון די חברי הקהילה האבן געמוזט אריבערגיין א שווערע און א קאמפלעצירטע אפעראציע און עס האט זיך אויסגעפעלט א איד וואס זאל באגלייטן דעם חולה צו די אמעריקאנער שפיטעלער, האט זיך רבי יעקב וואלאונטירט צו זיין דער וואס וועט מיטגיין מיט אים.

פאר פופציג יאר האט זי נישט געהערט קיין 'אמן' אדער קיין אנדערע תפילה, זי האט עס געהערט און גלייך איז זי אוועק פון די וועלט.



נאך איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף'ן וועג האבן די לאקאלע דאקטורים אים געגעבן א שטיקל איבערבליק איבער די סיטואציע פון דעם חולה. זיי האבן אים אנגעווארענט אז זיין סיטואציע איז זייער שווער און קאמפלעצירט און עס פעלט זיך אויס וועגן דעם אז מען זאל כסדר זיין צוגעבינדן צו זיין בעט און נישט אוועקגיין פון איר - אפילו אויף איין מינוט.

מיט זיין גוט הארץ האט רבי יעקב נישט געטראכט קיין צוויי, מיט אן אויסטערלישער נאמנות און איבערגעגעבנקייט האט ער זיך וועקגעגעבן פאר אים און אויסגעפירט זיין תפקיד און באגלייט די חולה איבעראל און אין יעדן מצב.

יענעם שבת צופרי' האט זיך דער מצב פון דעם חולה זיך פארערגערט. הרב שווארץ זעענדיג ווי דער מצב ווערט קריטישער האט ער אלאמירט די דאקטורים. אין איילעניש זענען זיי געקומען און מסכים געווען מיט די אויפפאסונג פון הרב שווארץ און באשלאסן אים אריינצוציאגן אין שפיטאל וואו מען גייט אים אונטערזוכן און זען וואס מען קען טון.

אין סעקונדעס האט מען אריינגעברענגט א ספעציעלער בעט און אנגעהויבן ארויספירן די חולה פון צימער ביז ווען מען איז אנגעקומען צו די צימער וואו מען האט געדארפט דורכפירן די נויטיגע טעסטן.

אין א געוויסער שטאפל זענען זיי שטיין געבליבן ווארטנדיג עס זאל אנקומען זיין רייע. שטייענדיג דארט האט הרב שווארץ באמערקט ווי פונדערווייטנס רופט איר אן עלטערע פרוי און בעט אז ער זאל דרינגעד קומען צוגיין צו איר.

די עלטערע פרוי' האט אויסגעזען זייער קראנק, עס האט אויסגעזען ווי זי האלט אין איר געציילטע טעג אין לעבן און ווען זי האט געזען אז מען רופט אים האט ער איבערגעלאזט די חולה און זיך דערנענטערט צו אים.

זי האט אים דערציילט אז זי איז א איד און אז זי פריידט זיך צוזען א איד.

הרב שווארץ האט איר אנגעווינטשן א גוט שבת און א רפואה שלימה צולייגענדיג די ווערטער פון : "שבת היא מלזעוק ורפואה שלמה קרובה לבוא".

די באגעגעניש מיט די פרוי' האט געדויערט געציילטע מינוטן און הרב שווארץ האט זיך צוריקגעקערט צו די חולה ווארטנדיג אז עס זאל אנקומען זיין רייע ביז ווען מען גייט אים אריינפירן אויף אן אונטערזוכונג.

עס איז געווען שבת צופרי'. סיי הרב שווארץ און סיי דער חולה האבן נאכנישט געמאכט קידוש. עס איז געווען קענטליך אז דער חולה איז הונגעריג און ער מוז עפעס עסן. ר' יעקב שווארץ וויסנדיג אז דער חולה וועט נישט עסן אן קידוש איז ער צוריקגעלאפן צו זיין צימער און געברענגט פון דארט א פלאש גרעיפ דזשוס און קעיק און זיך געשטעלט מאכן קידוש אויף'ן קול.

ער האט געמאכט די ברכה בורא פרי הגפן און אויך דער חולה האט געענטפערט אמן אבער מיטאמאל האט הרב שווארץ געהערט ווי נאך איינער ענטפערט אמן - עס איז געווען די קול פון די פרוי'.

מיט א געוואלדיגע התעוררות האט זי געענטפערט אמן נאך די ברכה.

נאכ'ן טועם זיין איז הרב שווארץ צוגעגאנגען צו איר און זיך אינטערעסירט ווער זי איז און פון וואו זי איז. נאך א שטיקל שמועס האט זי זיך געעפענט און דערציילט איר היסטאריע. זי האט דערציילט אז זי איז געבוירן אין דער אלטער היים און זי איז ליידער פארבלאנדזשעט געווארן.

"שוין פופציג יאר האב איך נישט געהערט קיין תפילה".

"אויך נישט קיין ברכה". האט זי צוגעלייגט.

"יעצט האסטו דערוועקט אין מיר מיינע אלטע זכרונות". האט זי געזאגט.

ביני' לביני' איז אנגעקומען זייער רייע. ר' יעקב האט באגלייט די חולה אין איר צימער אויף אן אונטערזוכונג. די אונטערזוכונגען האט געדויערט א לענגערע צייט, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלעס איז אין ארדענונג און מען איז ארויס פון דארט א שטיק צייט שפעטער.

ארויסקומענדיג פון דארט האט זיך פאר הרב שווארץ אנטפלעקט א שרעקעדיגע זאך, די פרוי' איז געלעגן איבערגעדעקט מיט א ליילעך, א צייכן אז זי איז שוין מער נישט צווישן די לעבעדיגע.

פאר פופציג יאר האט זי נישט געהערט קיין 'אמן' אדער קיין אנדערע תפילה, זי האט עס געהערט און גלייך איז זי אוועק פון די וועלט.

"יש קונה עולמו באמן אחת" האבן זיינע ליפן געשעפטשעט.

הרב שווארץ האט יעצט אנגעהויבן צו ארבעטן אויף קעסל און אויף כלים אז מען זאל איר ברענגען לקבר ישראל. ער האט אראנדזשירט א מנין זאל וואס זאל זיין אנוועזנד ביי די לויה און אויך אז מען זאל איר לייגן אין אן אידישע בית החיים.

מוצאי שבת איז געווען די לויה, הרב שווארץ האט מספיד געווען איבערזאגנדיג די ווערטער פון מדרש (אגדת בראשית עט) על הכתוב: "כחוט השני שפתותיך **ומדבריך נאוה**" (שה"ש ד ג) - "המדבר שבכם נאה לפני, על אחת כמה וכמה מיושב שבכם! ואיזה הוא המדבר? **אלו עם הארץ שאינן יודעין לא לקרות ולא לשנות ולא לדרוש, כמדבר שאינו מגדל פירות. והן נכנסים לבתי כנסיות ולבתי מדרשות, ומברכים ברוך יוצר המאורות ומחיה מתים, שהוא ברא ומחיה מתים, והן עונים אחריו אמן, ואומרים מאמינים אנו שהוא מחיה מתים, והוא שברא את העולם - אפילו אין בידן אלא שכר אמן זה, דים!**".

ווען ער האט געענדיגט זיינע דברי הספד האבן די מלוים זיך געשטעלט ארום אים, ער האט געזאגט פאר זיי' קדיש. 'יעצט האבן שוין די מלוים געוואוסט צו שעצן די מעלה פון 'אמן' אז אין דעם זכות פון זאגן 'אמן' האט א אידישע פרוי' זוכה געווען צוקומען לקבר ישראל.

'כתר מלוכה' עמוד שסה

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### די 'עניית אמן' פון משה רבינו

**"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן"** (לח כא)

אין די וואכעדיגע פרשה ווערט אויסגערעכענט די סומע פון גאלד, זילבער און קופער וואס כלל ישראל האט געברענגט פאר משה רבינו ביים בויען די משכן.

דער מדרש (שמות רבה נא א) ברענגט אראפ דער פסוק אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה און שטעלט צו דערצו די פסוק אין משלי ( כח כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" - ווייל די תרומות וואס כלל ישראל האט געברענגט צו די משכן האט מען אריינגעלייגט אין די הענט פון משה רבינו ווייל מען האט געהאט צוטרוי' אין אים און ווייל מען האט אים געגלייבט האט מען געברענגט נאך און נאך תרומות און די מלאכת המשכן איז געווארן גרעסער.

(ע"פ 'עץ יוסף' שם).

נאך א סיבה פארוואס משה רבינו האט באקומען דער טיטול"איש אמונות" שמועסט אויס **רבי משה דוד קעליגסברג** דער רב פון די שטאט קאלושין.

ער זאגט עס מיט א מהלך פון זיין שווער **האדמו"ר רבי יחזקאל מקאז'מיר** וועלכע האט מפרש געווען דער מאמר חכמים (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך" אז דער חילוק צווישן די 'עונה' און דער 'מברך' איז אז דער עונה אמן אויף די ברכה פון זיין חבר ווייזט ארויס מיט דעם אז ער צילט נישט צו זיין דא דער 'מברך', זיין איינציגסטער ציל איז אז די ברכה פון זיין חבר זאל ווערן מקויים און ווייל דער עיקר איז אז יעדער איד זאל ווערן אז די ברכה פון זיין חבר זאל מקויים ווערן איז "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

מיט דער געדאנק קען מען זאגן אז משה רבנו ווער עס איז באקאנט אלץ דער 'עניו' מכל האדם האט זיכער נישט געוואלט די ברכה פאר זיך אליין נאר פאר אנדערע און וועגן דעם ווערט ער בא'טיטול'ט אלץ דער "אִישׁ אֱמוּנוֹת".

'נחמד מזהב' פקודי

•

**דער ראדאמסקער רבי דער בעל 'חסד לאברהם'** לייגט צו אז אין דער נאמען פון משה רבינו איז דא א רמז צו 'אמן' ווייל די סופי שמות פון אותיות וואס שטעלן צוזאם די נאמען "משה" איז - מ"ם שי"ן ה"א און דאס איז "אמן".

'חסד לאברהם' פרשת תצוה

•

אז מען רעדט שוין פון 'אמונות' און 'אמן' קען מען צולייגן די ווערטער פון די **'מגלה עמוקות'** וועלכער טייטש אויס די ווערטער "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" אז אין איר איז מרומז דער מאמר חז"ל (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך": ווייל "רב" איז טייטש גרעסער ווי עס שטייט (בראשית כה כג) "וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר"; און "אִישׁ אֱמוּנוֹת" - גייט ארויף אויף דער וואס ענטפערט אמן, "רַב בְּרָכוֹת" - אז ער איז גדול מן המברך.

'מגלה עמוקות' פרשת וישב

### אין זכות פון מאה ברכות איז דא השראת השכינה

**"וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן"** (מ לד)

שרייבט דער **בעלי התוספות:**

די ראשי התיבות פון "מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן" איז "מאה". דער פסוק קומט מרמז זיין מיט דעם אז אזוי ווי דער "כְּבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן" אז בשעת ווען די משכן איז געשטאנען איז געווען השראת השכינה אין די משכן אזוי איז היינטיגע צייטן דא השראת השכינה אין די שולן ווען מען איז מפקיד אויף די מאה ברכות - אז ביידע ברענגען השראת השכינה

('תוספות השלם' עה"ת).

## גדול העונה

מיר ציטירן דא דער לשון פון דער 'מגלה עמוקות': "התחיל משה לתקן לישראל מאה ברכות כשנתן מאה אדנים למשכן שהם כנגד מאה ברכות, וכן הוא אומר (משלי כח כ): 'איש אמונות רב ברכות - זה משה רבינו' (שמות רבה שם)... 'רב ברכות' - רבן של ישראל שתיקן לנו הברכות... באותו יום שהקים את המשכן, עליו נאמר: "וכבוד ה' מלא את המשכן" - ר"ת מאה" (ואתחנן, אופן עה).

### מיט'ן ענטפערן אמן – מאכט מען א צירוף פון די שמות הקודש

**"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן"** (לח כא)

האט דער 'בית עין' געטייטש:

די ווארט "הַלְוִיִּם" - באטרעפט כמנין 'אמן'; דאס איז א רמז אז אזוי ווי דער ווארט "הַלְוִיִּם" סימבאליזירט אין זיך א לשון פון חיבור מיט הצטרפות ווי די תורה שרייבט (בראשית כט לד): "הַפַּעַם יִלָּוֶה אִישִׁי אֵלַי" איז אויך די כח פון 'אמן' אז עס איז מחבר צוויי זאכן און עס איז מחבר די צוויי שמות הק' הוי"ה ואדנות ווייל 'אמן' באטרעפט כמנין די צוויי שמות הק'.

דאס איז דער פסוק מרמז דא: "אֲשֶׁר פֻּקַּד" וואס הקדוש ברוך הוא האט באפוילן "עַל פִּי מֹשֶׁה" על "עֲבֹדַת הַלְוִיִּם" - די גרויסע עבודה וואס איז דא ביי עניית אמן אז עס זאל געמאכט ווערן מיט כוונה פון מצרף זיין די שמות הקודש.

'בת עין' פקודי

### בברכה שלימה ונאמר אמן




אין דער ספר 'עמודי שלמה' אויפ'ן סמ"ג (עשה כז) שטעלט דער הייליגער מהרש"ל צו די ברכה צו א איד צו די שטר פון די א חוב און די עניית אמן ווי די עדות.

פאלגענד איז זיין לשון קודש: "כשם שהשטר אינו נחשב כלום עד שיחתמו עליו עדים, כך אין הברכה חשובה כל כך עד שיענו עליה אמן, כי אז היא החתימה, כי אמן היא חותם הברכה".

### טייערע אידן!

לאמיר מקפיד זיין יעדן טאג צו מאכן ברכת השחר מיט איינער וואס ענטפערט אמן אויף די ברכות און אזוי ארום וועלן מיר זוכה זיין אז אלע אונזערע ברכות פון אגאנצן טאג וועלן גע'חתמ'ט ווערן מיט אן אמן און דאס וועט עפענען פאר אונז די שערי שפע פון אויבן אויף אגאנצן טאג און מיר וועלן זוכה זיין צו אלע ברכות אין די וועלט.

# אוצרות אמונים

## די מעלה פון עניית אמן

### די צאל פון 'אמן'ס' האט נישט קיין גבול

א שיינער דערהער פארוואס דער 'עונה' איז גרעסער פון דער 'מברך' זאגט רבי אברהם הכהן דער אייניקל פון דער בעל 'מתנות כהונה'.

ער זאגט אז ווען מען וועט מדייק זיין דער לשון חכמים פון (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך" וועט מען טרעפן אין איר אויך דער טעם פארוואס דער 'מעלת העונה' איז גרעסער ווי די 'מברך'.

דער לשון החכמים איז "יותר מן המברך".

אויבנאויף זעט אויס דערווארט "יותר" איז איבריג. עס וואלט געקענט שטיין: "גדול העונה מן המברך"? אן דער "יותר".

## גדול העונה אמן יותר מן המברך

נאר דא ליגט טאקע דער הסבר פארוואס דער 'עונה' איז גרעסער פון דער 'מברך' ווייל אינדערצייט וואס דער 'מברך' איז מוגבל און ער קען נאר מאכן א באגרעניצטע צאל ברכות לויט וויפיל ער דארף ווייל אן איבריגע ברכות איז א ברכה לבטלה קען דער וואס ענטפערט אמן ענטפערן וויפיל 'אמן'ס ער וויל.

די מעלה פון דער 'עונה' איז נישט אין די איכות נאר אין די כמות און דאס איז מרומז אין דער ווארט "יותר".

('אורי וישעי' [בערלין תע"ד] שער הצדקה פרק שמיני).

### עניית אמן - איז אמונה בבורא עולם כל יכול

נאך א דערהער זאגט דער מהר"ל מפראג:

דער מהר"ל געט צו פארשטיין אז די גרעסערקייט פון דער 'אמן' אויף די 'ברכה' איז אין דער איכות פון דער 'שבח'.

אינדערצייט וואס דער מברך דאנקט הקב"ה און רעדט איבער זיין א באגרעניצטע זאך ווי די הנאה וואס ער האט יעצט און דאנקט הקב"ה אויף די פרוכט אדער אויף די עסנווארג וואס ער גייט יעצט עסן איז דער שבח פון דער 'אמן' אסאך גרעסער אז עס נעמט אויך אריין די גאנצע בריאה.

דער וואס ענטפערט 'אמן' געט ארויס מיט דעם אז הקב"ה איז א כל יכול און אז אלעס ווערט געמאכט דורך אים און דאס איז אסאך א גרעסערע שבח ווי די ברכה אליין.

('נתיבות עולם' יסוד העבודה פרק יא; 'גבורות ה" פרק ט).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די זועג פונעם בעל הילולא

### דער הייליגער 'תפארת שלמה'

### כ"ט באדר תרכ"ו



דער אוהל פון דער הייליגער 'תפארת שלמה' אין ראדאמסק

דער צדיק רבי שלמה הכהן רבינוביץ איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי דוב צבי אין די שטאט וועלטשאצאווא אין פוילן.

פון זיינע יונגע יארן איז ער געווען א גרויסער מתמיד און א גרויסער בעל כשרון. גאנצעטע טעג און נעכט איז ער געזעסן און געלערנט, נישט איינמאל האט זיך געמאכט אז ווען די אידן זענען געקומען אין שול צו דאווענען ותיקין האט מען אים נאך געטראפן זיצן און לערנען פון א נאכט פריער.

נאך אין די יונגע יארן האט ער גע'שמ'ט אלץ עילוי אין די גאנצע אומגעגענט. ער האט געלערנט תורה ביי דער פיעטראקאווער רב רבי אברהם צבי זי"ע דער בעל 'ברית אברהם' און פון רבי דוד חריף פון פיעטראקאוו זי"ע דער בעל בית דוד.

נאך אין זיינע יונגע יארן האט ער מחבר געווען א גרויסער און א לומדישער ספר אויף מסכת כתובות. אין די הסכמה אויפ'ן ספר 'תפארת שלמה' שרייבט דער הייליגער צאנזער רב איבער זיין חריפות און דרוקט זיך אויס בזה הלשון: "וגם בחריפות ירד לעומק סוגיות הש"ס לברר הלכה ברורה בתשובת שאלה".

ער האט זיך גערעדט ביי אסאך צדיקי הדור צווישן זיי ביי רבי פישעל מסטריקוב און ביי רבי ישעיה פון פשעדווארז און דער הייליגער אור לשמים הרה"ק רבי מאיר מאפטא זי"ע.

אין די עלטער פון 34 יאר, אין יאר תקצ"ד, האט ער אנגענומען די עשרטע רבנות פאסטן אן די שטאט ראדאמסק און דארטן איז ער געבליבן אויף זיין בענקל ביז צום לעצטן טאג פון זיין לעבן.

ניין יאר נאכ'ן אננעמען די כתר הרבנות, אין יאר תר"ג, האט ער אנגעהויבן פראווענען רבי'סטעווע.

אין דעם טאג כ"ט אדר, ליל שישי, אין יאר תרכ"ו, האלטנדיג אינמיטן לערנען ספר הזוהר איז ער נסתלק געווארן פון די וועלט און מען האט אים געלייגט אין דער בית העלמין פון ראדאמסק.

### די הודאה פון דער 'עונה' איז גרעסער ווי די 'הודאה' פון דער 'מברך'

א שיינער מהלך האט דער 'תפארת שלמה' אין די באקאנטער מאמר חז"ל אין ברכות (דף נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

דער תפארת שלמה באציט זיך אויף די ווערטער פון די גמרא [סנהדרין דף צד ע"א] וועלכע רעדט ארום פון די ברכה וואס יתרו האט געזאגט ווען ער איז אנגעקומען צו משה רבינו.

דער פסוק זאגט אז יתרו האט געזאגט (שמות יח י): "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד פַּרְעֹה".

חז"ל זאגן אויף אז די גמרא איז א גנאי למשה און פאר'ן כלל ישראל ווייל ביז יתרו האט קיין איינער נישט געלויבט הקב"ה מיט דער טיטול פון 'ברוך ה''.

אויבנאויף איז שווער. מיר ווייסן דאך אז כלל ישראל האט נישט אויפגעהערט צו לויבן השי"ת, זיי האבן געזאגט שירה, זיי האבן געלויבט הקב"ה מיט אלע מיני שבחים און ווייל זיי האבן קיינמאל פריער נישט גענוצט דער אויסדרוק פון 'ברוך ה'' איז עס א גנאי פאר זיי.

נאר חז"ל לערנען אונז אויס א געוואלדיגער געדאנק דא. עס איז דא ווען דער מענטש דאנקט השי"ת אויף די טובה וואס ער האט געטון מיט אים אבער עס איז דא ווען א איד דאנקט השי"ת פאר די טובות וואס ער האט געטון מיט גאנץ כלל ישראל.

די מעלה פון דאנקען הקב"ה אין א וועג וואס מען דאנקט השי"ת אויף די חסדים וואס ער האט געטון מיט יעדן איינעם געט ארויס עטליכע נקודות. די ערשטע נקודה איז די 'עין טובה'. ווען א איד דאנקט השי"ת אויף די טובות וואס ער טוט מיט'ן גאנצן כלל ישראל ווייזט עס אז ער איז א פארגינער, ער האט אן עין טובה, די צווייטע נקודה איז אז די שבח פון הקב"ה ווערט גרעסער, ער טוט נישט גוט'ס נאר מיט אים אליין, נאר מיט די גאנצע וועלט.

מיט די דערהער פארשטייט מען פארוואס דער 'עונה' איז גרעסער ווי די 'מברך'.

דער 'עונה' דאנקט השי"ת אויף די טובה וואס ער האט געמאכט מיט יענעם און וועגן דעם איז גדול העונה יותר מהמברך ווייל עס איז דא ביי אים די מעלה פון עין טובה און אויך ער איז מגדיל די שבח פון הקב"ה.

('תפארת שלמה' שער התפילה).

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com